פון דער חיה, כדי דאָס בילד פון דער חיה זאָל
אויך רעדן, און מאַכן, אַז אַלע, וואָס וועלן זיך
נישט בוקן צום בילד פון דער חיה, זאָלן געטייט
16 ווערן. און זי מאַכט אַלעמען, די קליינע און די
גרויסע, סײַ די רײַכע סײַ די אָרעמע, סײַ די
פרײַע סײַ די קנעכט, אַז זיי זאָלן זיך געבן אַ סימן
אויף זייער רעכטער האַנט אָדער אויף זייער שטערן;
17 און אַז קיינער זאָל נישט קענען קויפן אָדער פאַר־
קויפן, אויב ער האָט נישט דעם סימן, דעם נאָמען
18 פון דער חיה, אָדער די צאָל פון איר נאָמען. דאָ
איז די חכמה: ווער עס האָט פאַרשטאַנד, דער זאָל
באַרעכענען די צאָל פון דער חיה; וואָרום עס איז
די צאָל פון אַ מענטשן; און איר צאָל איז זעקס
הונדערט זעקס און זעכציק.

## קאַפּיטל פערצן

1 און איך האָב געזען, און אָט דאָס לעמעלע איז
געשטאַנען אויף דעם הר ציון, און מיט אים
הונדערט פיר און פערציק טויזנט, וועלכע האָבן
געהאַט זײַן נאָמען און זײַן פאָטערס נאָמען אויפ־
2 געשריבן אויף זייערע שטערנס. און איך האָב
געהערט אַ קול פון הימל, ווי דאָס גערויש פון אַ
סך וואַסערן, און ווי דאָס קול פון אַ געוואַלטיקן
דונער; און דאָס קול, וואָס איך האָב געהערט, איז
געווען ווי פון האַרפנשפּילער שפּילנדיק אויף
3 זייערע האַרפעס; און זיי זינגען אַ נײַעם שיר
פאַר דעם כסא הכבוד און פאַר די פיר חיות
און זקנים; און קיינער האָט נישט געקענט לערנען
דעם שיר, אַחוץ די הונדערט פיר און פערציק טויזנט,
4 די אויסגעקויפטע פון דער ערד. די דאָזיקע זענען